# לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט

---

## פלענאר פארזאמלונג פון
## לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט
## דעצעמבער 19, 1929.

אנוועזנד: מר. ל. בודין, ה. אבערמאן, דר. ב. דובאווסקי, דר. ליפאט, ב. לעוויטין, ל. מייערס, דר. מאסקאוויץ, וו. עדלין, מר. פרידמאן, מר. א. רעוואוצקי, ה. ראזענבערג, מרס. פ. שלוגער, ג. זיבערט, וו. זוסמאן.

דער טשערמאן פון לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט מר. ל. בודין, עפענט דעם מיטינג און גיט איבער דאס ווארט צו ג. זיבערט, וועלכער גיט אן אן אויספירליכן באריכט וועגן דער טעטיקייט פון דעם לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט פאר די לעצטע צוויי מאנאטן.

עס קען שוין איצט – זאגט דער רעפערענט – אונטערגעצייכנט ווערן א סך הכל פון דער אפגעטאנענער ארבייט און אויפן סמך פון דער פראקטיק איז אויך מעגליך פעסטצושטעלן די אויפזיכטן פון דעם לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט.

די דאזיקע פראקטיק האט באוויזן, אז דורך דער ארבייט פון לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט זיינען פילע טויזנטער באקענט געווארן מיט דער טעטיקייט פון „אָרט״ און דאס האט געגעבן א מעגליכקייט צו געווינען אויך טיילווייז די צושטיצונג פון די לאנדסמאנשאפטן צו דער קאנסטרוקטיווער הילפס ארבייט.

די פאסיווקייט און דער אומצוטרוי צו קאנסטרוקטיווע פארמען פון הילף, וועלכע האבן זיך געלאזט פילן אין אנהויב פון דער לאנדסמאנשאפט ארבייט זיינען איצט אין א גרויסער מאס פארשוואונדן און עס עפענט זיך א ברייט פעלד פאר ווייטערדיגע פאזיטיווע ארבייט צווישן די לאנדסמאנשאפטן.

די פראקטיק האט אבער גלייכצייטיק באוויזן, אז מען קען ניט פארלאזן זיך אויף די לאנדסמאנשאפטן, דאס זיי וועלן מיט זייערע אייגענע כחות אויפשטעלן די ארטעלן און אונטערנעמונגען אין זייערע היימאט שטעט. די דאזיקע ארבייט דארף געפירט ווערן פאראלעל, ד.ה., אז מען זאל פון די לאנדסמאנשאפטן פאדערן די מאקסימאלע אנשטרענגונג פון כחות, כדי אין דער גרעסטער מאס צוצוהעלפן די אונטערנעמונגען, וועלכע ווערן שוין געשאפן אין רוסלאנד אדער אין אנדערע לענדער מיט די אלגעמיינע פאנדן פון „אָרט״.

מר. זיבערט ליינט א בריף פון „אָרט״ אין רוסלאנד לויט וועלכן עס ווייזט זיך ארויס, אז די פירער פון אָרט אין מאסקווע זיינען אויך געקומען צו דער איבערצייגונג און נעמען זיך אונטער פון זייער זייט צו שאפן אלע מעגליכע שטיצע פאר די אונטערנעמונגען, וואס וועלן ווערן איינגעשטעלט מיט די מיטלען פון די אמעריקאנער

[illegible] װעלכע עס װעט שיקן אין אמעריקאנער לאנדסמאנשאפט זײנען [illegible]
בכח אײנצושטעלן אן ארטעל פאר 60 ביז 70 דעקלאסירטע אידן, ד.ה., אז צו דער דערמאנטער סומע איז דער „ארט" אין רומלאנד בכח צו געבן אלע איבעריגע פאדערן װעלכע מאכן אויס אפטמאל דאס צװײ-דרײפאכע פון די געשאפענע דורך די אמעריקאנער לאנדסמאנשאפטן געלדער.

דורך די לעצטע צװײ מאנאטן איז דורכגעפירט געװארן פאלגענדעס:

דער לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט האט ארויסגעשיקט איבער צװײ טויזנט אויפ-רופן, װעלכע האבן געפונען א װארעמען אפקלאנג סײ בײ לאנדסמאנשאפטן, סײ בײ אנ-געזעענע געזעלשאפטליכע טוער. אויף די אויפרופן האבן זיך באקומען עטליכע ענט-פערס, װעלכע באװײזן, אז באקאנטע אידישע טוער, ספעציעל אין די פראװינץ שטעט, ~~[illegible]~~ מוז באטאנט װערן נאך אמאל, אז פראקטיש קען די לאנדסמאנשאפט ארבײט דורכגעפירט װערן נור בײ פערזענליכן קאנטאקט מיט בסדר'דיגער צוזאמענארבײט מיט דער לאנדס-מאנשאפט גופא.

עס איז דורכגעפירט געװארן א ברײטע פרעסע קאמפאניע סײ אין דער אידישער, סײ אין דער ענגלישער פרעסע. די לײטנדע אידישע צײטונגען, „פארװערטס", „מארגן זשורנאל", „דער טאג" האבן אויך עדיטאריעל עטליכע מאל געשטיצט די לאנדסמאנשאפט ארבײט.

דער פארװאלטער פון לאנדסמאנשאפטן דעפארטמענט האט באזוכט אין דער צװי-שנצײט שיקאגא און געשטעלט זיך אין אן ענגער פארבינדונג מיט עטליכע צענדליג לאנדסמאנשאפטן.

לעצטנס איז אײנגעפירט געװארן א נײע פארם פון פארענדיגן די פארהאנ-דלונגען מיט די אײנצלנע לאנדסמאנשאפטן. עס װערן געשלאסן מיט זײ ספעציעלע אפ-מאכן, כדי צו פארפליכטן די לאנדסמאנשאפטן צו א מער אקטיװער און אויסגעשפראכן קאנסטרוקטיװער הילפס ארבײט. אזעלכע אפמאכן זײנען געשלאסן געװארן פארלויפיק מיט דרײ לאנדסמאנשאפטן: לובארער, פראסקורעװער און סטעלער. די רעזולטאטן פון דער ביז איצטיגער ארבײט זײנען פאלגענדע:

<u>בעלאצערקאװ</u>- ארײנגעטראגן $1,300. רעארגאניזירט די לאנדסמאנשאפט און אונטער-גענומען א װײטערדיגן דרײװ.

<u>פראסקורעװ</u>- ארײנגעטראגן $500. פארפליכטעט זיך אין דער נאענטער צײט ארײנצו-טראגן נאך $1,500.

סמעלא- פארפליכטעט זיך ארײנצוטראגן אין דער נאענטער צײט $3,000 און אין משך פון א יאר װײטערדיגע $2,000.

לובאר- ארײנגעטראגן $1,000 און פארפליכטעט זיך אין דער נאענטער צײט צו שאפן נאך אן ערך $2,000.

מאהילער- (אין שיקאגא) - ארײנגעטראגן $1,139.10. באשטעלט א טראקטאר. פירן װײטער די טעטיקײט.

אומאנער- פירן א ברײטע טעטיקײט איבערן גאנצן לאנד. געשאפן עטליכע טויזנט דאלאר.

לאבון- צוגעטראטן צו א שטארקן דרײב. אין דער נאענטסטער צײט זאגן זײ צו ארײנצוטראגן ביז $2,000.

טאלנע- גײט אן א ברײטע טעטיקײט. זאגן צו צו שאפן א באדײטענדע סומע געלט.

עליסאװעטגראד- אין דער נאענטסטע טעג װעלן זײ שליסן אן אפיציעלן אפמאך מיט דעם לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט.

לאדיז- האבן דעם 12טן דעצעמבער א גרויסע אונטערנעמונג און פארשפרעכן צו שאפן ביז יוני 1930 די צוגעזאגטע $5,000.

ביאליסטאק- (פעטערסאן) די באשלאסן ארײנצונעמען די „ארט"-אונטערנעמונגען אין ביאליסטאק אין דער ליסטע, װעלכע װערט דורך זײ אונטערגעשטיצט. װעלן אויך אין גיכן אײנארדנען א ספעציעלע אונטערנעמונג לטובת דעם „ארט" אין ביאליסטאק.

דער לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט שטײט איצט אויך אין ענגע באציהונגען מיט עטליכע צענדליג אנדערע לאנדסמאנשאפטן אין ניו יארק, שיקאגא, פילאדעלפיא, א.א.װ. פון װעלכע עס איז צו דערװארטן מיט דער צײט ~~[illegible]~~ פאזיטיװע רעזולטאטן.

פינאנציעלער באריכט-

ארײנגעקומען ביז איצט אין לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט $7,892 (פון װעלכע $2,500 איבערגעגעבן צו דר. סינגאלאװסקי פאר באברויסק), אין דער נאענטסטער צײט נאך אן ערך $10,000.

מר. זיבערט פארענדיגט זײן באריכט מיט אן הײסן אפיל צו אלע אנװעזנדע, אז זײ זאלן טעטיק אונטערשטיצן די װײטערדיגע ארבײט פון לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט, װעלכער איז איצט געװארן א װיכטיגער פאקטאר אין אידישן געזעלשאפטליכן לעבן אין אמעריקע.

דער באריכט װערט גענומען צו קענטעניס מיט גרויס אנערקענונג.

נאך דעם באריכט אפגעבער באקומט א װארט דר. מאקסאװיץ, װעלכער דריקט אויס זײן הארציקע אנערקענונג דעם לאנדסמאנשאפט קאמיטעט און זײן לײטער מר. זיבערט.

דר. פאסקאװיץ באטאנט, אז דער לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט איז איצט געװארן אײנער פון די װיכטיגסטע געביטן פון דער טעטיקײט פון אמעריקאנער „ארט" און ציט צו די אויפמערקזאמקײט פון די ברײטסטע אידישע פאלקס מאסן צו די צילן און אויפגאבן פון „ארט".

פרײנט ראזענבערג גיט איבער א באריכט פון עטליכע לאנדסמאנשאפטן, װעלכע ער האט באזוכט. ער שטעלט זיך אפ ספעציעל אויף דער טעטיקײט פון די פראסקוראװער און ערקלערט, אז די פראסקוראװער זײנען איצט געװארן אן ארגאנישער טײל פון דעם לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט.

מר. מײערס זאגט, אז דער לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט פירט איצט די װיכטיגסטע ארבײט פון אמעריקאנער „ארט". זײן טעטיקײט האט די גרעסטע באדײטונג פאר דעם װידער אויפבוי פון די דעקלאסירטע אידן אין רוסלאנד. די לאנדסמאנשאפטן, װעלכע האבן זיך גרופירט ארום דעם אוקראינער פארבאנד האבן איצט דעם הארציגסטן אינטערעס צו דער ארבײט פון לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט.

דער טשערמאן מר. בודין באלויכט אויספירליך די שװעריקײטן מיט װעלכע עס האט געהאט צו טאן דער לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט בײם אנהויב פון זײן אנטשטײן.

די אײנציגע פאזיטיװע רעזולטאטן פון דער שװערער קאמפליצירטער און פארצװײגטער ארבײט דארף מען פארדאנקען דעם לײטער פון לאנדסמאנשאפטן דעפארטמענט מר. ג. זײבערט.

דער לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט איז איצט דער װיכטיגסטער צװײג פון דער טעטיקײט פון אמעריקאנער „ארט" און װעט זיכער אין דער צוקונפט שפילן נאך א גרעסערע ראלע װי ביז איצט.

עטליכע פירער פון אמעריקאנער „ארט", װעלכע האבן אין אנהויב פארנומען א נעגאטיװע שטעלונג לגבי דער גרינדונג פון א לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט, האבן איצט אײנגעזען זײן נוצן און באדײטונג און העלפן צו טעטיק אויך פערזענליך אין דער ארבײט פון דעם דאזיגן דעפארטמענט. די לאנדסמאנשאפט ארבײט איז שוין איצט געװארן די װיכטיגסטע אין דער גאנצער טעטיקײט פון אמעריקאנער „ארט".

אויך מר. רעװוצקי, װעלכער האט געהאלטן א לענגערע רעדע באטאנט, אז די לאנדסמאנשאפט ארבײט איז דער װיכטיגסטער באשטאנד פון אמעריקאנער „ארט". נאך מיט פינף יאר צוריק האט דער רעדנער באװירט אין דער אמעריקאנער פרעסע די נויטיקײט פון גרינדן אזא מין ארגאניזאציע, װעלכע לויט זײן מײנונג דארף שפילן די גרעסטע ראלע אין דעם לעבן פון אמעריקאנער אידנטום אין באצוג צו דער הילף, װאס װערט געשאפן פאר רוסלאנד. מען דארף אבער אומבאדינגט פארגרעסערן די ראמען פון לאנדסמאנשאפט

דעפארטמענט. צו דעם צוועק מוז פארגרעסערט ווערן דער אפאראט פון לאנדסמאנשאפט-דע-פארטמענט דורך צונעמען א געהילף צו דעם פארוואלטער. דער געהילף זאל איצט שוין באקענען זיך מיט דעם גאנצן גאנג פון דער ארבעט, כדי עווענטועל איבערצונעמען דעם אמט פון פארוואלטער ווען דער לעצטער וועט מוזן פארלאזן אמעריקע. עס מוז אויך גע-לייגט ווערן נאך מער געוויכט אויף דער פובליסיטי ארבעט דורך באמיען זיך צו באקומען ספעציעלע פיידזשעס אין די היגע אידישע צייטונגען פאר דער לאנדסמאנשאפטס ארבעט פון אמעריקאנער „ארט". יעדעס געלט וואס וועט אריינגעלייגט ווערן אין דער לאנדסמאנשאפט ארבעט וועט זיך באצאלן כפל כפלים, ווייל די נוצן פון אזא טעטיקייט זיינען גארניט צו דערשאצן.

צום סוף פרעגט ער אויך דירעקט דעם פארוואלטער מר. זיבערט, ווי לאנג ער האט נאך די מעגליכקייט צו פארבלייבן אין אמעריקע, כדי אנצופירן מיט דער ווייטערדי-גער ארבעט פון לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט.

דר. דובאווסקי שטימט איין מיט דעם פארשלאג פון פאררעדנער. ער פאדערט אבער אז עס זאלן באשטימט ווערן צוויי מענטשן, וועלכע וועלן ספעציעל פארנעמען זיך מיט בא-זוכן די לאנדסמאנשאפטן אין ניו יארק.

אזוי ווי דר. דובאווסקי איז איינער פון די אקטיווסטע טוער פון לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט, גיט ער ביי דער געלעגנהייט איבער אן אויספירליכן איבערבליק איבער דער טעכנישער זייט פון דער לאנדסמאנשאפט ארבעט און באווייזט מיט וועלכע שוועריקייטן די ארבעט איז פארבונדן. ער אפעלירט דעריבער צו די פארזאמלטע, אז זיי זאלן אויך פערזענליך זיין מער אקטיוו.

ער שטעלט אויך א פארשלאג, אז עס זאלן גערופן ווערן קאנפערענצן פון פאר-שטייער פון לאנדסמאנשאפטן גופא, כדי זיי באקענען מיט דער דאזיגער וויכטיגער טעטי-קייט.

מר. אבערמאן לייגט פאר, אז מען זאל רופן קאנפערענצן פון די פארשידענע רעליף סאסייעטיס פון דער זעלבער לאנדסמאנשאפט און זיי פאראייניגן אין „ארט"-קאמיטעטן, ווי דאס האבן צ.ב. געטאן די לאדזער. ער באקומט דערויף גלייך אן ענטפער, אז אזוי ווערט טאקע געפירט די ארבעט פון לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט.

מר. לעווייטין גיט איבער אין אן אויספירליכע רעדע זיינע איינדרוקן פון רוסלאנד און באווייזט מיט פאקטן און ציפער ווי וויכטיג און אויסערגעוויינליך נוצליך איז די ארבעט פון „ארט" ספעציעל אויפן געביט פון אינדוסטריאליזירן די דעקלאסירטע אידן. ער איז דעריבער זיכער, אז ווען די לאנדסמאנשאפטן דא אין אמעריקע וועלן זיך

באקענט מיט דער טעטיקײט פון „ארט" אין רוסלאנד, װאָלטן זײ מער אינטענסיװ געארבײט פאר זײערע הײמאט שטעט. מר. לעװיטין לײגט דעריבער פאר צו באקענען אין אלע אײנ- צעלהײטן די הײגע לאנדסמאנשאפטן מיט דער פראקטישער ארבײט פון „ארט" אין זײערע הײמאט שטעט.

דר. דובאװסקי ערקלערט אין נאמען פון אלע אנװעזנדע, אז עס איז אומבא- דינגט נויטיג דאס מר. לעװיטין זאל זײנע אײנדרוקן און באאבאכטונגען איבערגעבן אין א געדרוקטער פארם, סײ אין די הײגע אידישע צײטונגען, סײ ספעציעל אין א בראשור, װעלכע דארף פונאנדערגעשיקט װערן צו די לאנדסמאנשאפטן.

מר. זוסמאן ערקלערט אין נאמען פון די פאראײניגטע לאדזשער סאסײעטיס, אז זײ װעלן שאפן די צוגעזאגטע 5,000 דאלאר נישט שפעטער װי ביז יוני קומענדיגן יאר און, אז אלע אן אויסנאם געלדער, װעלכע װעלן געשאפן װערן דורך די אונטערנעמונגען פון די פאראײניגטע לאדזשער סאסײעטיס, װעלן גײן אויסשליסלעך פארן „ארט" אין לאדז.

מר. מײערס ערקלערט, אז די לאבונער סאסײעטי, װעלכע איז איצט צוגעטראטן צו א דרײװ אונטער זײן פירערשאפט, װעט שאפן אין דער נאענטסטער צײט נישט $1,000 װי דאס איז דערמאנט אין דעם באריכט נאר גאנצע $2,000.

צום סוף פון דער זיצונג ענטװיקלט זיך א דיסקוסיע ארום דער פראגע װעגן דעם לײטער פון לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט.

מר. זיבערט שילדערט גענוי די אויסערגעװײנליכע שװעריקײטן מיט װעלכע עס איז פארבונדן זײן ארבײט. דער אפאראט איז נישט גענוגענד און עס איז נישט פאראן קײן געלט כדי אים צו פארגרעסערן. אחוץ עטליכע מיטגלידער פון לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט קען מען נישט באװעגן די אנדערע צו באזוכן די לאנדסמאנשאפטן. ער קען אויך נישט צוזאגן צו בלײבן װײטער בײ דער ארבײט אויף א לענגערע צײט װי דאס פאָ- דערן די פארערדנער, װײל עס איז נישט אויסגעשלאסן, אז ער װעט אין גיכן מוזן אפ- פארן צוריק קײן אײראפא. מר. זיבערט אפעלירט דעריבער צו די פארזאמעלטע, אז זײ זאלן שוין איצט זיך פארטראכטן װעגן דער װײטערדיגער לײטונג פון לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט.

מר. בודין ערקלערט, אז עס קען גאר קײן רײד נישט זײן װעגן דעם, אז זיבערט זאל איצט פארלאזן זײן אמט און פארלאנגט פון אים א צוזאג, אז ער זאל פארבלײבן דא מינדעסטנס צװעלף חדשים צײט.

מר. בודין לײגט אויך פאר, אז עס זאל ערװײלט װערן גלײך אן ענגער קאמיטעט װעלכער װעט מיטן אין די נאענטסטע טעג און באשטימען די פארמען פון דער װײטערדיגער

ארבײט פון לאנדסמאנשאפט דעפארטמענט.

אײנשטימיג װערן ערװײלט אין דעם דאזיגן קאמיטעט די פאלגנדע פערזאנען:
מר. בודין, דר. דובאװסקי, װיליאם עדלין, ל. מײערס, ש. אבערמאן, א. רעװאזקי,
ב. לעװיטין און דער פארװאלטער ג. זיבערט.

דער מיטינג פון דעם נײעם קאמיטעט דארף פארקומען דעם 24טן דעצעמבער אין
מר. בודין׳ס אפיס.

דערמיט װערט די זיצונג געשלאסן.

אונטערגעשריבן: פארזיצער ל. בודין, סעקרעטאר װ. עדלין.

---